**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/20/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול באשטעטיגט טוישונגען צום אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן**

***טוישונגען טוען פארבעסערן באשיצונג פון 2.9 מיליאן עיקערס פון פובליק לאנד אין די נארט קאנטרי***

***פארבעסערונגען נעמען אריין קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, צוטריטליכקייט און סוסטעינעבל פארווייאלונג פלאנירונג***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט באשטעטיגט די טוישונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן ( Adirondack Park State Land Master Plan, SLMP) וואס זענען רעקאמענדירט געווארן דורך די אדיראנדעק פארק אגענטור באורד (Adirondack Park Agency Board). די טוישונגען טוען פארבעסערן די באשיצונג און מענעדשמענט פון 2.9 עיקערס פון פובליק לאנד אין ניו יארק סטעיט'ס אדיראנדעק פארק.

"פון צושטעלן ריינע טרינק-וואסער ביז אויפנעמען מיליאנען באזוכער יעדעס יאר צו הנאה האבן פונעם נאטור, איז די אדיראנדעק פארק א נאציאנאלע אוצר און א סימבאל פון ניו יארק'ס ענווייראנמענטאלע פירערשאפט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די טוישונגען טוען פארזיכערן אז ניו יארק בלייבט ביים אויבן-אן ווען עס קומט צו אפהיטן און קאנסערווירן פובליק לאנד פאר די טובה פון ניו יארקער היינט און אינעם צוקונפט. דורך פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט און שטיצן סוסטעינעבל פארווייאלונג, טוען מיר באשיצן די אדיראנדעקס פאר דעם קומענדיגע דור בשעת'ן אנהאלטן איר נאטורליכע כאראקטער."

די SLMP געבט אנווייזונגען איבער וויאזוי סטעיט לאנד אינערהאלב די אדיראנדעק פארק וואלד פרעזערוו (Adirondack Park Forest Preserve) קען גענוצט ווערן דורכ'ן פובליק און אויפגעהאלטן און צוגעפאסט דורכ'ן סטעיט מיט'ן אוועקשטעלן פארשידענע קאטעגאריעס פון באשיצונג. די טוישונגען וואס זענען היינט באשטעטיגט געווארן טוען פארזיכערן אז פלאנירונג פאר די פרעזערווירונג פון און פארווייאלונג אינערהאלב איינער פון די סטעיט'ס טייערסטע נאטורליכע ריסאורסעס איז אין איינקלאנג מיט די ווירדן פון אינקלוזשען און שטאנדהאפטיגקייט. די טוישונגען טוען נאכמער פארבעסערן די מעגליכקייט פון די אדיראנדעק פארק אגענטור און די אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג (Department of Environmental Conservation) צו:

- באשיצן העביטעט און אפענע ערטער און באשיצן פארווייאלונג אינוועסטירונגען דורך אדרעסירן קלימאט ריזיקעס;

- פארבעסערן פובליק לאנד און וואסער צוטריט פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס דורך אידענטיפיצירן עקזיסטירנדע צוטריטליכע אינפערסטראקטור און אפשאצן וואס מען קען מעגליך צולייגן;
- שטיצן סוסטעינעבל דרויסנדיגע פארוויילונג דורך נעמען באזוכער באניץ מענעדשמענט אין באטראכט ביים פובליק לאנד פלאנירונג.

די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן העלפט מאכן באשלוסן פאר די 2.9 מיליאן עיקערס פון סטעיט לאנד אין די אדיראנדעק פארק. אין צוגאב צו פאדערן אז קלימאטן טויש, צוטריטליכקייט און באזוכער באניץ מענעדשמענט ווערן אריינגערעכנט אין מענעדשמענט און באניץ פלאנירונג פאר יעדער שטח פון סטעיט לאנד, טוען די טוישונגען איבערפרישן איינפירונגען פאר ווילדערניש באשעפענישן פרעזערווירונג סטראקטורן און היסטארישע ערטער.

ווי אויך, איז לאנד וואס איז לעצטנס אפגעקויפט געווארן דורכ'ן סטעיט—די 585-עיקער פאר פיקס טרעקט (Four Peaks Tract) אין די טאון פון ווילמינגטאן און דשעי—קלאסיפיצירט געווארן אלס ווילד פארעסט (Wild Forest). פארמאגנדיג א ברייטע אויסוואהל פון פעלדער און בערג, איז די פאר פיקס טרעקט אידענטיפיצירט געווארן אין די ניו יארק סטעיט אפענע ערטער קאנסערווירונג פלאן ( Open Space Conservation Plan) און האט די פאטענציאל צו אויסברייטערן פארוויילונג געלעגנהייטן אין די אוסעבעל ריווער וואלי.

**APA עקזעקיוטיוו דירעקטאר Barbara Rice (בארבערע רייס) האט געזאגט,** "די אגענטור באדאנקט זיך פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר שטארקע ענווייראנמענטאלע פירערשאפט. די שריט פארענדיגט כמעט צוויי יאר פון שווערע ארבעט און דורכגעטראכטע פלאנירונג. די טוישונגען וועלן פארזיכערן אז די סטעיט טוט ווייטער באשיצן ניו יארק'ס גלאבאל-וויכטיגע נאטורליכע ריסאורסעס אין די צייט וואס מיר ארבעטן צו פארזיכערן צוטריט צו אונזערע פובליק שטחים פאר מענטשן מיט אלע יכולות."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראנמענטאלע קאנסערווירונג קאמישענער Amanda Lefton (אמאנדא לעפטאן) האט געזאגט,** "די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן האט דירעקטירט די DEC'ס פארזיכטיגע באהאנדלונג פון די אדיראנדעק וואלד פרעזערוו פאר מער ווי 50 יאר. די טוישונגען וועלן העלפן דעם סטעיט צו אדרעסירן די שוועריקייטן פארבינדן מיט פארמערטע באזוכער און עקסטרעמע וועטערן בשעת'ן פארזיכערן אז די וואלד פרעזערוו פארבלייב צוטריטליך פאר אלע מענטשן."

**סטעיט סענאטאר Pete Harckham (פיט הארקעם) האט געזאגט,** "די קלוגע פארוואלטונג פון די אדיראנדעק פארק פארלאנגט אז טוישונגען זאלן געמאכט ווערן צו מענעדשמענט און באשיצונג מאדעלס וואס טוען אנערקענען מאדערניזירונג און פארמערטע באניץ. גאווערנאר Hochul'ס (האקול) באשטעטיגטע טוישונגען צו די פארק'ס סטעיט לאנד מייסטער פאלן טוען נעמען אין באטראכט צוטריטליכקייט פאר באזוכער מיט אייגנארטיגע יכולות, קלימאטן טויש ריזיקעס, און באלאנסירן פארוויילונג מיט לאנד קאנסערווירונג, וואס וועלן אלע פארשטערקערן און באשיצן די געוואלדיגע ריסאורס פאר צוקונפטיגע דורות."

**אדיראנדעק קאונסיל עקזעקיוטיוו דירעקטאר Raul J. Aguirre (ראול דשעי. אגורעי) האט געזאגט,** "די אדיראנדעק קאונסיל באדאנקט זיך פאר גאווערנאר Hochul (האקול) און פאר די אדיראנדעק פארק אגענטור פאר'ן אויסהערן די זארגן פונעם פובליק, צופאסן די אגענטור'ס אריגינעלע טוישונגען צו פארזיכערן אז די סטעיט לאנד מייסטער פלאן טוט ווייטער באשיצן עקאלאגיע און די נאטורליך-ווילדע כאראקטער פון די אדיראנדעק פארק, בשעת'ן צושטעלן צוטריט פאר מענטשן מיט פארשידענע יכולות."

**ADK עקזעקיוטיוו דירעקטאר Cortney Worrall (קארטניווארעל) האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן באשטעטיגן די טוישונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן. ADK איז שטארק צופרידן אז עס טוט פריאריטיזירן צוטריט פאר יעדער איינער בשעת'ן באשיצן די וואלד פרעזערוו. מיר טוען אויפנעמען מיט צופרידנהייט ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו באזוכער באניץ מענעדשמענט פלאנירונג און הוספות צו די סטעיט לאנד מייסטער פלאן — א פראעקטיוו, אדאפטיווע סטראטעגיע צו באשיצן נאטורליכע ריסאורסעס און פארבעסערן באזוכער איבערלעבעניש. ADK איז אויך שטארק דאנקבאר פאר די שריט וואס ווערט גענומען זיך צו קענען בעסער ספראווען מיט די שוועריקייט פון קלימאטן טויש אן קיין אפהאלטונגען דורך פארמיידונג, צופאסונג און שטאנדהאפטיגקייט."

**אדיראנדעק פארק לאקאלע רעגירונג איבערזיכט באורד (Local Government Review Board) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Gerald Delaney (דשעראלד דעלאני) האט געזאגט,** "די איבערזיכט באורד טוט באגריסן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פאראויסריקן די וויכטיגע טוישונגען צו די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן. לאקאלע רעגירונג טוט שטארק שטיצן די פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און ארייננעמען גוטע מענעדשמענט איינפירונגען וואס וועלן פארזיכערן אז די סטעיט קען זיך ווייטער גוט אן עצה געבן מיט פרישע טוישונגען אין פובליק באניץ און קען ווייטער באשיצן די אייגנארטיגע נאטורליכע ריסאורסעס פונעם פארק פאר צוקונפטיגע דורות."

**נארטען פארעסט צענטער (Northern Forest Center) פרעזידענט Rob Riley (ראב ריילי) האט געזאגט,** "די נארטען פארעסט צענטער איז דאנקבאר פאר די פארבעסערונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו די אדיראנדעק פארק סטעיט לאנד מייסטער פלאן צו פארזיכערן מער גלייכבארעכטיגטע צוטריט צו סטעיט שטחים פאר אלע מענטשן, ספעציעל פאר די מיט דיסאביליטיס. אלס אן ארגעניזאציע וואס ארבעט ביים גרעניץ פון וועלדער און קאמיוניטיס פאר נאנט צו דרייסיג יאר, ווייסן מיר ווי וויכטיג פארבעסערטע צוטריט צום נאטור איז פאר פערזענליכע הנאה און געזונטהייט און ווי אויך פאר אונזער געמיינזאמע אחריות פאר פובליק שטחים און וואסערן."

**אדיראנדעק צענטער פאר לון קאנסערוווירונג (Adirondack Center for Loon Conservation) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Dorothy Waldt (דאראטי וואלט) האט געזאגט,** "די צענטער איז דאנקבאר צו די גאווערנאר פאר'ן באשטעטיגן די טוישונגען. די קאמען לון, א באשעפעניש וואס איז אין געפאר פון ווערן אויסגעראטן אין ניו יארק סטעיט, האט לעצטנס געזעהן א רעדוקציע אין ריפראדאקטיוו הצלחה. מיט די באשטעטיגונג פון די טוישונגען, קוקן מיר ארויס צו הערן די אייגנארטיגע קולות פון לונס אין די אדיראנדעק וואסערן פאר פילע קומענדיגע יארן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()